# עונג שבת

## פרשת חיי שרה תשע"א

**גוט שבת אלע אידן.** אין דער פרשה די וואך פרשת חיי שרה, ליינען מיר ווי אברהם אבינו ע"ה האט געשיקט זיין קנעכט אליעזר צו זוכן א שידוך פאר זיין זון יצחק. נאכדעם ווען אליעזר האט געטראפן רבקה, איז ער געגאנגען רעדן מיט בתואל און לבן וועגן דעם שידוך. בתואל מיט לבן זענען מסכים געווען צו דעם שידוך זאגענדיק "...מה' יצא הדבר וגו'." – פון ג–ט איז ארויסגעגאנגען די זאך. (בראשית כד,ג) פון דא קענען מיר ארויסנעמען א געוואלדיגע מוסר השכל אין עבודת ה': א איד זאל אייביג אין זין האבן אז אלעס קומט פון דעם אייבערשטען.

רש"י איז מסביר אז פון דער פסוק זעט מען אז לבן איז געווען א רשע, ווייל ער האט געוואלט ענטפערן פאר זיין טאטן. אויב א רשע איז מכיר אז "...מה' יצא הדבר וגו'" ד"ה דער אייבערשטער איז משגיח אויפ'ן וועלט, איז קל וחומר בן בנו של קל וחומר זאלן מיר אידן כסדר מכיר זיין אז אלעס קומט פון דעם איבערראשט. די פאלגענדע מעשה ווייזט אין א מורא'דיגע אופן דעם ענין פון "...מה' יצא הדבר וגו'"

נאך פאר די שרעקליכע צווייטע וועלטס מלחמה האט זיך אנגעהויבן האבן עטליכע אידן פון דייטשלאנד מזל געהאט אז זיי האבן געקענט אנטליפן קיין ענגלאנד. ווען די אידן זענען אנגעקומען קיין ענגלאנד, האבן די בריטישע איינגעשפארט די אידישע פליטים אין לאגער אריין. דער מצב אין דער לאגער איז נישט געווען אסאך בעסער ווי די לאגערן אין דייטשלאנד, רח"ל. די בריטישע האבן מקיים געווען די ווערטער פון חז"ל, "הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב" (ספרי, בהעלותך סט) די אידישע פליטים האבן געליטן אין די הענט פון די בריטישע רשעים. דעמאלט האט די מלחמה שוין אנגעהויבן און די בריטישע האבן זיך שטארק געקריגט מיטן דייטשן ימ"ש.

באלד דערנאך האבן די אידן געטענ'עט אז די בריטישע זאלן זיי ארויסלאזן פון די לאגערן. איין טאג האבן די בריטישע פארגעשטעלט פאר די אידישע פליטים אז יעדער איינער ווער עס וויל, האט געקענט פארלאזן די לאגערן אין ענגלאנד און פארן צו וואוינען אין קאנאדא. רוב, אויב נישט אלע אידן האבן מסכים געווען, ווייל זיי האבן שטארק געוואלט פארלאזן די שרעקליכע לאגערן אין ענגלאנד. דערנאך האבן די בריטישע ארויפגעברענגט די דייטשע אידן אויף א גרויסע שיף מיט דעם נאמען "דאנערא" און די שיף האט אנגעהויבן צו פארן קיין קאנאדא.

די אידן האבן גלייך באמערקט אז די שיף איז נישט געפארן צום מערב זייט, ווייל זיי האבן געהאלטן חשבון מיט דער זון, כדי זיי זאלן קענען דאווענען קעגן ירושלים. נאר, די שיף איז געפארן צום דרום זייט. די אידישע פליטים האבן געפרעגט די בריטישע סאלדאטן אויפ'ן שיף אסאך מאל וואו אהין פארט די שיף. די בריטישע האבן נישט גוט באהאנדלעט מיט די פליטים, און זיי האבן גאר נישט געוואלט ענטפערן צו די אידן. סוף כל סוף זענען די אידן געוואר געווארן איז די שיף איז געווען אויפ'ן וועג קיין אויסטראליע. די אידן האבן נישט געוואלט פארן קיין אויסטראליע אבער זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה ווייל זיי זענען געפאנגען אויפ'ן שיף.

דורך דער נסיעה קיין אויסטראליע האבן די אידן אסאך געליטן פון די בריטישע גוים. זיי האבן געלייגט די אידן אין די אונטערשטער שטאק פונעם שיף ווי עס איז נישט געווען קיין פרישע ליפט.

איין טאג איז דער מצב אויפ'ן שיף געווארן נאך ערגער. דעמאלט אין די מלחמה טעג זענען דייטשע שיפען כסדר ארימגעפארן דעם ים זוכענדיג בריטישע שיפען צו זינקען. איין טאג האט א דייטשע סאבמאריען (א שיף וואס פארט אונטער די וואסער) געשאסען א טארפידו (א באמבע וואס פליט אונטער די וואסער) אויף די בריטישע שיף. ב"ה, אז א גרויסע כוואליע איז געקומען און עס האט אוועקגעשטופט דעם טארפידו פון קראכען אין דעם שיף אריין.

די בריטישע סאלדאטן זענען געווארן אויפגערעגט אויף די אידישע פליטים. מיט א גרויסע חוצפה האבן די בריטישע רשעים באשולדיגט די אידן אז זיי האבן גורם געווען דעם טארפידו אטאק! די בריטישע האבן אנגעהויבן צו גנב'נען אלע טייערע זאכן פון די אידן. נאך מער, האבן די בריטישע גענומען אלע די פערזענליכע זאכן פון די אידן למשל ספרים, ביכער, קליידונג, בריוון, בילדער וכדומה, און זיי האבן אלעס געווארפן אין די וואסער אריין.

סוף כל סוף, נאך א לאנגע נסיע, איז די שיף דער "דאנערא" אנגעקומען קיין שטאט "סידני" אויסטראליע. די אידן זענען שנעל אראפגעגאנגען פונעם שיף. צו ביסלעך זענען זיי געווארן איינגעארדענט אין דער אידישע קהילה.

באלד דערנאך ווען די בריטישע שיף דער "דאנערא" איז אוועקגעפארן פון אויסטראליע אהיים קיין ענגלאנד, האט א דייטשע סאבמאריען געזינקען דער שיף מיט א שאס פון א טארפידו. די שיף איז פארלוירן געווארן און אלע בריטישע סאלדאטן זענען דערטראנקען געווארן אין ים אריין.

בערך 20 יאר נאך דער מלחמה, איז די גאנצע מעשה פון דער שיף דעם "דאנערא" ערשט געוואר געווארן דורך דעם דייטשן קאפיטאן פון דעם סאבמאריען וואס האט געזינקען דעם "דאנערא". די מעשה וואס איז געשען ווייזט קלאר דעם ענין פון "...מה' יצא הדבר וגו'." די מעשה איז געווען אזוי: דער דייטשער קאפיטאן דערציילט אז ווען ער האט ערשט געטראפן דעם "דאנערא" אין מיט'ן דעם ים, האט ער גלייך געשאסן א טארפידו אויף אים. ער איז געווען ערשטוינט אז דער טארפידו האט נישט געפלאצט דעם שיף, ווייל ער איז געווען אזוי נאנט. אבער, ער האט נישט מייאש געווען, ער האט שנעל אנגעגרייט א צווייטן טארפידו צו שיסן אויפ'ן בריטישע שיף. אבער, פאר ער האט געקענט שיסן דעם טארפידו, האט ער דערזען אז די בריטישע סאלדאטן האבן געווארפן עטליכע זאכן פון דער שיף.

דער דייטשער קאפיטאן איז געווען נייגעריג צו וויסן וואס זענען די זאכן וואס זענען יעצט געווען אויפ'ן וואסער. ער האט געשיקט א פאר פון זיינע סאלדאטן צו שווימען אריבער און צוזאמען נעמען די זאכן. ווען זיי האבן צוריקגעברענגט די זאכן האט דער דייטשער קאפיטאן געזען אז צווישן די זאכן זענען געווען זאכן פון דייטשלאנד. האט ער דער קאפיטאן זיך מיישב געווען אז דער "דאנערא" האט געהאלטן אויף זיך דייטשע שבוים!!! האט ער שנעל גערופן אויפ'ן מיליטערישע ראדיו אז קיין דייטשע שיף זאל נישט טשעפינען דעם דאנערא, ווייל עס זענען געווען דייטשן סאלדאטן וועלכע די בריטישע האבן געכאפט אין מלחמה!

דער דייטשער סאבמאריען איז נאכגעפארן דעם דאנערא דעם גאנצן וועג קיין אויסטראליע כדי צו זיין זיכער אז קיינער זאל נישט טשעפינען דעם בריטישע שיף. נאכדעם ווען דער דאנערא איז אנגעקומען קיין אויסטראליע און דער דייטשער קאפיטאן פון דעם סאבמאריען האט דערזען אז אלע מענטשן זענען אראפגעגאנגען פונעם שיף, איז ער געווען זיכער אז עס זענען נישט דארט געווען קיין געפאנגענע דייטשע סאלדאטן. וועגן דעם האט דער קאפיטאן געזינקען דעם שיף וואס, ב"ה, איז שוין געווען ליידיג פון אידן.

מיר זען פון דער מורא'דיגע מעשה דעם ענין פון "...מה' יצא הדבר וגו'." ד"ה דער אייבערשטער איז משגיח אויפ'ן גאנצן בריאה. לאמיר זיך מתבונן זיין אז אויב אזא רשע ווי לבן קען דערקענען דער אייבערשטער'ס השגחה פרטית זאלן מיר מאמינים בני מאמינים גלייבן אז אלעס קומט פון דעם אייבערשטען. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נינו אצל נכדו הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א בן בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א וחתן הרה"צ רבי הירש מלך האלבערשטאם שליט"א**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**מבצע פאר'ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר'ן אריינקומען אין שול, כדי דאס קלינגען זאל נישט שטערן דעם דאווענען!**